# THE SHEPHERD OF ISRAEL

JULY — AUGUST, 1932. **ENGLISH DEPARTMENT** VOL. XIV. No. 11-12

## "YOUR HOUSE IS LEFT DESOLATE"

A desolate house! Did you ever have the experience of seeing the mother of a home go away for a few weeks? Do you remember how empty the house suddenly became? The children seemed lost, and knew not what to do. Such food as you could get together somehow seemed to lose its taste; you wandered thru the house aimlessly, trying to sit down in some room for a little reading or a little rest, but soon you were up again and moving about the house; until at last you left the house and went for a walk just to relieve your mind of the strange feeling of loneliness.

Have you ever buried a loved one Do you remember coming back from the cemetery and entering the house, only to realize that the loved one would never again set foot in that house? Are there any words in the English language that can describe the poignancy and grief and anguish?

That is what it means to have a desolate house, and only those that have been thru such a bitter experience know its full significance.

### Nations Are Like Individuals

Nations too have houses, and nations too take good care not to have their houses desolate. Great Britain will fight to her last battleship and to her last man before she will surrender to the sorrow of a desolate house. And so will France and Germany and every other nation on the face of the earth.

And likewise our Jewish nation. Once we had a house; it was beautiful, stupendous in its magnificance. And God dwelt in that house. That is what made it so magnificent. We had a Temple once, one of the most magnificent pieces of architecture the world ever saw; we had a priesthood, a Kingdom, an army, a land flowing with milk and honey; and we were the envy of the Nations of the earth.

But that house is gone. It was given to us originally by God; but only under certain conditions. Just read the wonderful promise God made to us, if only we would obey Him.

> "If ye walk in my statutes, and keep my commandments, and do them; Then I will give you rain in due season, and the land shall yield her increase, and the trees of the field shall yield their fruit . . . And I will give peace in the land, and ye shall lie down, and none shall make you afraid . . . And ye shall chase your enemies, and they shall fall before you by the sword. And five of you shall chase an hundred, and an hundred of you shall put ten thousand to flight; and your enemies shall fall before you by the sword."
>
> See Leviticus 26:3-12.

And then God sent prophets to us and we stoned them, and we thought that we knew more than they did. Until at last God sent to us His only begotten Son, the Lord Jesus Christ, saying, "They will reverence my son". But instead of that we said, "Come let us kill him" and we turned our back on Him who was the only hope of our salvation and happiness, and we shouted, "Crucify Him, crucify Him!"

Then what happened? Some time before the awful crucifixion, the Lord Jesus Christ, knowing that He would be cricified, and knowing that He would be rejected by our people, stood one day in the streets of Jerusalem and with breaking heart wept loudly over the city, and in the agony of His heart He cried out

> "O Jerusalem, Jerusalem, thou that killest the prophets, and stonest them which are sent unto thee, how often would I have gathered thy children together, even as a hen gathereth her chickens under her wings, and ye would not! Behold, your house is left unto you desolate. For I say unto you, Ye shall not see me henceforth, till ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord."
>
> Matt. 23:37, 38, 39.

The awful curse of the 38th verse is "Your house is left unto you desolate"; and a short while after the Lord Jesus Christ pronounced this heartrending prophecy, our forefathers took Him and had Him crucified. Not long after that God sent Titus, a Roman warrior, who destroyed the city of Jerusalem, and scattered our people to the ends of the earth.

We now have no home. For 1900 years we have been wanderers on the face of the earth. We try to fool ourselves by saying that America is our home, but every Jew down in his heart knows that there is a longing to go back to our real home, the only home God ever gave us. But we cannot go back—"your house is left unto you desolate".

We have no army and we have no navy. The time was when a lone Gideon with three hundred men could smash into a thousand fragments the countless hosts of the Midianites, and put to flight thousands upon thousands of Amalekites. But God was there; today three hundred Jews would be afraid of one little street loafer in one of our streets in New York —"Your house is left unto you desolate".

We have no wealth. There are a few rich Jews, but those few are insignificant in comparison to the millions of poor Jews wandering about the streets of the world, not knowing where their next piece of bread is coming from. The time was when we had plenty of money, great prosperity, and we lived in a land flowing with milk and honey. A hungry stomach was unknown in those days, but



**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

---

### COME TO OUR MEETINGS

**EVERY FRIDAY .................... 8 P. M.**

**EVERY MONDAY ................... 8 P. M.**

today our Jewish children know what hunger is—"Your house is left unto you desolate!"

Homeless, friendless, desolate. That is the sad situation of our Jewish people today. We had pinned great hopes on the Palestine movement, but even that has now begun to show signs of a near-collapse. Is there no hope for us? Hear the condition laid down by the Lord Jesus Christ,

> "Ye shall not see me henceforth until ye shall say, Blessed is he that cometh in the name of the Lord."

In other words the absence of the Lord Jesus Christ from our house has produced for us unhappiness and desolation, just as truly as the sudden removal from the home of a loved one will produce in that home loneliness and desolation.

We need the Lord Jesus Christ. In Him is our only hope; and when the time shall come that we Jews are willing to bow down to Him and cry to Him with great joy, "Blesse' ' he that cometh in the name of the Lord", we shall be no longer desolate, but we shall be a people in whom the Lord shall take delight; we shall be called the city of the Lord, the Zion of the Holy One of Israel. God tells us that we shall be a crown of glory and a royal diadem in His hand. This will come to us only when we are ready to accept the Lord Jesus Christ as our Messiah. This is the root of all our troubles and those who would tell us that there are other cures than the cure of the Lord Jesus Christ are only deceiving and misleading us. Will you not for yourself just try this cure, and see whether God will not put into your heart such a happiness and such a contentment as you never knew before?

**Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.**

מין זינד וואס איז בעגאנגען געווארען אי ביי אונז און אי ביי אונזערע עלטערן. עפעס א מין נאציאנאלע זינד, א פארברעכען וואס אלע אידען זענען בעגאנגען, סיי אונזערע עלטערן אין דער פערגאנגענהייט און סיי די געגענווערטיגע גענעראציע.

וועלכע איז דאס אבער די זינד וואס מיר אלע האבען געמיינשאפטליך בעגאנגען? דאס איז קיין אנדערע ווי דער אומגליקליכער טעות וואס מיר אלע מאכען מיט דעם וואס מ'ר פערווארפען דעם קדוש ד' וועמ'ן גאט האט אונז געגעבען אלס אונזער משיח און האט אונז אנגעזאגט "אליו תשמעון", און ווען חלילה נישט, "אנכי אדרש מעמו". (דברים י"ח).

אידען, אידען, איהר זענט אונזער פלייש און בלוט און מיר ליעבען אייך מיט אונזער גאנצער נשמה, טאקע דערפאר וואלטען מיר געוואלט זעהן די אידישע ישועה ביי יעדען איד. ווען ישוע המשיח וועט זיין אין אונזער הערץ וועט קיין היטלער קיין נאצים, קיין המן'ס און קיינע הוליגאנעם אונז קענען שלעכטס טהון.

---

## גרויסע אידען

מיר שטעלען דא דאס בילד און די ביאגראפיע פון גרויסען איד, דר. צבי הירש זעקהאוזען פון ברוקלין, נ. י.

דר. זעקהאוזען איז געבוירען און אויפגעצויגען געווארען אין קאוונע ביי זעהר פרומע אידישע עלטערן וועלכע האבען זיך געוואונשען צו האבען כאטש איין רב אין דער פאמיליע און דער יונגער הערשעלע האט דאס געזאלט זיין דער בחיר המשפחה...

צו יענער צייט איז דער מלך חסד, אלעקסאנדער דער צווייטער געווען צאר אין רוסלאנד וועלכער האט געגעבען אידען געוויסע רעכטע. און ווייל אונזער גרויסען איד'ס פאטער איז געווען א שטיקעל יחסן ביי דער מלוכה, ער איז געווען א דעפוטאט, א מיטגליד פון קאנסולאט, האט דער יונגער הערשעל געקאנט געהן אין גימנאזיום פאר 9 לאנגע יאהר אהן שטערונג און ער האט זיך שוין אנגעהויבען פארצובערייטען. אמשטאט צו ווערען א רב, גאר צו געהן אין דער אוניווערזיטעט צו שטודירען מעדיצין. פונקט דאמאלס איז אבער אלעקסאנדער דער צווייטער דער'הרג'עט געווארען און דער צורר אלעקסאנדער דער דריטער איז געווארען צאר, וועלכער האט פון אידען אלע רעכטע צוגענומען. הערשעל האט נישט ווייטער דארט געקאנט שטודירען און ער איז אוועק נאך דייטשלאנד.

אין קעניגסבערג, דייטשלאנד, האט ער אבער אויך געפונען גרויסע שטערונגען, דער דאמאלסדיגער "אייזערנער" קאנסלער ביסמארק האט געארבייט אויף אלע כלים אז רוסישע שטודענטען זאלען פון יענער אוניווערזיטעט אויסגעשלאסען ווערען.

האבענדיג א ברודער דארט אין קעניגסבערג אין אן עקספארט געשעפט, האט ער איהם געראטהען נאך אמעריקא צו פאהרען וואו ער וועט פאר קיין צאר און פאר קיין ביסמארק דארפען מורא האבען און פריי קאנען שטודירען. און אזוי זעהען מיר אונזער גרויסען איד אנקומען נאך סענט לואיס, אמעריקא, וואו ער האט געהאט רייכע קרובים, געשעפטסלייט, און זיי האבען איהם די עצה געגעבען אויפצוגעבען דאס שטודירען און ווערען א געשעפטסמאן און אסאך געלד צו מאכען.

באלד זעהען מיר איהם, דעם גרויסען געשעפטסמאן, מיט א גרויסען פאק סחורה אויפ'ן רוקען, אנקלאפענדיג טיהרען ביי די פארמערס צו פארקויפען זיין סחורה.

אן עדעל קינד ווערען א פעדלער—זאל שוין גאט אבהיטען. באלד די ערשטע פאר טעג האט ער באקומען אבגעריבענע און געשוואלענע פיס מיט בלאטערן, אז ער האט שטארק אונטערגעהינקען און דייטשע פארמער האבען דאס באלד באמערקט. זיי האבען באלד דערקענט אז ער איז א איד, און זיי אלס ליעבע קריסטען, האבען באלד זיין פאק פון איהם אראב גענומען, האבען איהם מהיה געווען מיט עסען און טרינקען און האבען פון איהם די שווערע שיך ארונטער געצויגען צו זעהן פארוואס ער הינקט אזוי שטארק.



אונזער גרויסער איד האט נאך דאמאלס נישט געקאנט פארשטעהן ווי עס נעמט זיך צו א "נישט־איד" אזויפיעל ליעבע צו א איד. זיי האבען איהם פשוט די מידע און געשוואלענע פיס געוואשען און די בלאטערן מיט אויל באשמירט אז עס זאל זיך באלד צוהיילען. שפעטער האט ער דאס אבער יא פערשטאנען אזוי ווי מיר וועלען באלד זעהן.

ווען ער וואלט געווען געפאלגט די עצה פון זיינע קרובים וואלט ער אפשר נאך עד היום געווען א פעדלער, ארומטראגען זיך מיט'ן פעקעל אויפ'ן רוקען. גאטס השגחה האט אבער פון איהם עפעס אנדעריש געוואלט מאכען און אזוי איז עס טאקע געווארען.

דער פארמער האט איהם פארבעטען ביי זיי צו בלייבען און מיט א צייט שפעטער האט ער, אונזער גרויסער איד, אליין אנגעטראגען אין א פסכא זאנטאג מיט זיי צו געהן אין קירכע און הערען דאס שעהנע זינגען וואס ער האט ביז איצט נור פון דרויסען געהערט, ווי אויך דעם פרעדיגערס דרשה צו הערען לכבוד זייער פסח.

ער האט באמת געליעבט זייער שעהן זינגען אבער די דרשה—נישט. ער איז באלד פון דארט ארויס געלאפען אזויבאלד ווי ער האט געהערט דעם בעל דרשן זאגען אז דער משיח איז "אויפגעשטאנען פון די טויטע", באגרינדענדיג אויף דעם פסוק "ביום השלישי יקמנו ונחיה". (הושע ו', י"א), ער האט מיט אלע כחות פארזוכט יענע דרשה צו פארגעסען און נישט מעהר אהין צו געהן.

אפאר טעג שפעטער באקומט ער אבער א בריעף פון זיין ברודער אין אייראפא, בכן ער האט געפונען דעם משיח אויף וועם אידען ווארטען אז ער וועט קומען, און דערזעלבער איז ישוע פון נצרת וועלכער איז געקומען פאר 1900 יאהר צוריק. בכן ער איז געשטארבען פאר אונזערע זינד אזוי ווי עס הייסט אין ישעיה נ"ג, און איז דאן ווידער לעבעדיג געווארען אזוי ווי דער נביא הושע זאגט אין קאפיטעל ו': "ביום השלישי יקמנו ונחיה לפניו". פונקט דאסזעלבע וואס ער האט געהערט דרש'ענען פון דעם ארטיגען גלח יענעם פסח.

באלד איז אויך אנגעקומען א צווייטער און א דריטער בריעף פון זיין ברודער, בעווייזענדיג מיט פארשידענע שטעלען פון תנ"ך אז ישוע איז דער אידישער גואל צדק. אויפ'ן ערשטען בריעף איז אונזער גרויסער איד זעהר ברוגז געווען און איהם אויף שטיקלעך צוריסען, דעם צווייטען האט ער אויך אוועק געלעגט "עד שיבוא אליהו", אבער דעם דריטען און אלע אנדערע שפעטערדיגע בריעף האט ער מעהר נישט געקאנט איגנארירען ווייל די בעווייזע פון תנ"ך זענען זעהר בולט געווען, ער האט זיך זעהר פאראינטערעסירט דרין און ער האט אויך אויסגעפונען דעם גאנצען אמת וואס ער האט צופאר קיינמאל נישט געוואוסט.

קירצליך זעהען מיר איהם אין ניו יארק אין אידישע מיסיאנען באקענענדיג ישוע המשיח עפענטליך אלס זיין פודה ומציל, ערצעהלענדיג דאס זעלבע אויך צו זיינע קרובים וועלכע האבען דאס באלד צו־וויסען געטוהן זיינע עלטערן אין אייראפא. יענע האבען זיך באלד נאך איהם שבעה געזעצט און קריעה געריסען און א סוף אן עק, הערשעל דאס זיידענע קינד איז פאר זיי געשטארבען.

אין אמת'ן אבער האט הערשעל ערשט אנגעהויבען צו לעבען. ער איז איינגעטרעטען אין דער אינטערנאציאנאלען מעדיקעל אינסטיטוט צו שטודירען מעדיצין ביי טאג, און אבענד האט ער אין א קאלעדזש שטודירט אלס מיסיאנער, אזוינאך צו ווערען א מעדיקעל מיסיאנער צו אידען.

א צייט שפעטער זעהען מיר איהם ארויס קומען פוןביידע לעהר אנשטאלטען, אי אלס דאקטאר און אי אלס רעוו. מיסיאנער און איז באלד איינגעטרעטען אין דער עב־־־ הקודש בישוע המשיח אונטער דער מעטהאדיסט סאסייעטי וואו ער האט געווירקט 21 יאהר ברענגענדיג צו אידען אי רפואת הנפש און אי רפואת הגוף.

מיט פריידען בליקט ער איצט צוריק צו יענע אלע יאהרען פון זיין טעטיגקייט אין ישוע המשיח וואו ער האט טויזענדער ארעמע קראנקע געהיילט בחנם, און ברענגענדיג צו דער אמונה אין ישוע המשיח הונדערט און זעקס נפשות וועלכע זענען עד היום צופריעדען און גליקליך אין זייער לעבען, (כן ירבו).

אונזער גרויסער איד דר. זעקהאוזען איז נאך עד היום טהעטיג אין דעם כרם ד' צבאות, צו ברענגען נשמות תחת כנפי השכינה. מאנכע אידען וועלען אפשר א קללה האבען פאר איהם דערפאר, אבער די הייליגע תורה זאגט: "ויהפך ד' אלהיך לך את הקללה לברכה כי אהבך ד' אלהיך", (דברים כ"ג, 6), און אסאך פון די ערלעזטע אידען זאגען אויף איהם "גם ברוך יהיה".

אונזערע עלטערן אין ירושלים האבען נעביך צו יענער צייט, אמשטאט זיך צו באקעהרען צו גאט, זענען זיי גאר געווארען מלא רוגזה אויף דעם נביא ישעיה פאר זיינע שטראף רייד, זיי האבען איהם נע'הרג'עט מיט א מיתה משונה, זיי האבען איהם מיט א זעג אין צוויען צוזעגט, (יבמות מ"ט).

נו איז שוין א וואונדער אז גאט ב"ה האט צוגעלאזט אז דאס בית המקדש זאל חרוב ווערען! דאך האט גאט זיין רחמנות באוויזען צום אידישען פאלק און ער האט זיי ארויס גענומען פון גלות בבל נאך זיעבציג יאהר גלות און ער האט זיי געגעבען א מיטעל צוריק אויפצובויען דאס בית המקדש און זיי ווידער באזעצט אין פארשפראכענעם לאנד און פאר א קורצער צייט איז עס געוועזן גוט און וואויל. עס האט אויסגעזעהן אז אידען וועלען שוין צוהערען גאטס נביאים. עס איז אבער ליידער נישט אזוי געווען, זיי זענען אויפ'ס ניי זינדיג געווארען און גאט האט ערלויבט אז די יונים (גרעקען) זאלען אויף זיי קומען וועלכע האבען מטמא געוועזן דאס בית המקדש.

צו יענער צייט איז געווען איין גוטער איד וועמעס קינדער האבען מתפלל געווען צו גאט און ער האט זיי געהאלפען גובר צו זיין דאס מלכות יון, און מ'וואלט שוין געקאנט מיינען אז פון איצט אן וועלען אידען שוין זיין גוט, אבער א נעכטיגער טאג, אפילו די חשמונאים האבען אויך פארדארבען זייער וועג ביז גאט האט געשטעלט דאס אידישע פאלק נאך איינמאל צו די פראבע, אמשטאט צו שיקען נביאים האט ער זיי געשיקט דעם היילינען גואל צדק, ישוע המשיח דעם בן אלהים.

גאט (כביכול) האט אזוי געטראכט, מילא וואס זיי האבען נישט צוגעהערט די נביאים, קאנען זיי אפשר געפינען א טענה, באשר די נביאים האבען זיי שארף געשטראפט און אידען שארף באשולדיגט, וועל איך אבער איצט שיקען מיין איינגעבוירענעם זוהן וועלכער וועט זיי צייגען ליעבע און וועט זיי גוטעס טהון אפשר וועלען זיי איהם צוהערען.

און אזוי איז געקומען ישוע המשיח, פערציג יאהר איידער דאס צווייטע בית המקדש איז חרוב געווארען. ער האט באוויזען דורך גרויסע מופתים אז ער איז דער אמת'ער משיח. ער האט דעם פאלק אסאך גוטעס געטהון. ער האט אויסגעהיילט אלערליי קראנקהייטען נור מיט זיינס א ווארט. ער האט אויך אויפגעוועקט טויטע און האט זיי געגעבען אייביגעם לעבען. וועלכער איד קאן דען ערווארטען א בעסערען משיח, א גרעסערען גואל צו קומען? און דאך האבען אונזערע עלטערן דאמאלס געמאכט דעם שרעקליך גרויסען טעות און זיי האבען איהם פארווארפען. נישט נור וואס זיי האבען איהם נישט געוואלט פאלגען אבער זיי האבען איהם אויך איבערגעגעבען אין גוי'שע הענד און פערלאנגט אז מ'זאל איהם דוקא קרייציגען וואס איז א שרעקליכע גרויזאמע גוי'שע מיתה.

וואס איז געווען דער ערפאלג? ליידער צו־טרויריג. יעדער איד ווייס אז דאס בית המקדש איז באלד חרוב געווארען, מיליאנען אידען זענען אויסגעשלאכטעט געווארען און זייט דאמאלס זענען מיר אידען פארפינסטערט און פארוואגעלט. מ'האט אונז נע'רודפ'ט און פארפאלגט צווישען אלע פעלקער.

דאך בעוויזט גאט אז ער ליעבט נאך זיין פאלק ישראל, ער שיקט נאך היינט־צו־טאג מיסיאנערן, שליחים, צו זיי, אבשוין די מיסיאנערן ווערען נעביך פארפאלגט פון זייערע אידישע ברידער. אבער די נביאים זענען דאך אויך פארפאלגט געווען, און די מיסיאנערן שטעהען אין דיעזען זין אין דער רייהע פון די נביאים. דערפאר נעמען עס די מיסיאנערן אן באהבה. דאך בלוטעט אין זיי זייער הערץ איבער די ווידערשפעניגקייט פון אידישען פאלק, און זיי שרייען און רופען כמעט ווי מיט א קול שופר: אידען, אידען, קומט צו ישוע המשיח, באקעהרט אייך און טהוט תשובה און זאל שוין אן ענד נעמען צו די פינסטערע אומשטענדען וואס האבען אונז ארומגענומען שוין זייט 2000 לאנגע יאהר. גלויבט אין איהם אויף וועם גאט ב"ה אליין האט אמאל עדות געזאגט אין ירושלים: "זה בני ידידי אליו תשמעון".

---

## די היטלעריסטען

זייט דער המן היטלער האט טריאומפירט אין דער דייטשער וואהל, האבען אידען אין דייטשלאנד געלעבט אין גרויס שרעק. די היטלעריסטען, דאס הייסט, די נאכפאלגער פון היטלער האבען געבושעוועט, גערויבט און געפלינדערט וואו זיי האבען נור געקאנט לעגען א האנד.

אם דריטען יוני, עטליכע טעג פאר שבועות, האבען אידען דורכגעלעבט א נייעם פאגראם. די היטלעריסטען זענען בעפאלען דאס אידישע קווארטאל אין ברעסלוי און האבען געשלאגען מכות רצח יעדען איד וואס איז זיי נור אונטער די הענד געקומען. אפילו א גוי וואס האט אויסגעזעהן ווי א איד האט אויך נישט גוט אבגעשניטען. די פאליציי וואס האט פארזוכט צו העלפען און באשיצען אידען פון די מערדער, זענען פארווארפען געווארען מיט שטיינער פון די היטלעריסטישע באנדע.

עס הערט זיך בכלל זעהר נישט גוט אין דער גאנצער וועלט וועגען דער אידישער לאגע. נישט נור אין דייטשלאנד זאנדערן איבעראל וואו אידען וואוינען; און דאס האלט שוין אזוי אן איבער 1900 יאהר, זייט מיר האבען פארווארפען אונזער היילינען גואל צדק ישוע המשיח. מיר זאגען "איבעראל". ווייל אפילו ענגלאנד, וואס איז גוט היינט־צו־טאג צו אידען, האט אין עלפטען יאהר הונדערט אויך ארויסגעטריבען אידען פון לאנד.

און אזוי אויך האט מען געטריבען אידען פון פראנקרייך. אונטער קעניג לואיס דעם 7טען האט מען אפילו די חובות וואס מ'איז שולדיג געווען אידען, אנולירט, און די שולדיגער פריי געשפראכען.

און וויפיעל צרות זענען נעביך אידען אויסגעשטאנען ווען די קרוסיידערס זענען זיי בעפאלען אין גאנץ אייראפא, וויפיעל אידיש בלוט איז דאמאלס פארגאסען געווארען! יא, דאס איז אלעס געקומען מיט דער ערלויבניש פון גאט גופא ווייל זאנסט קאן קיין מענשליכער שכל משיג זיין וויאזוי אזאלכע אומנאטירליכע מערדערליכע גרויזאמקייטען זאלען קענען קומען אויף אירגענד־וואו א פאלק, אויסער מיט גאטס ערלויבניש, אזוי ווי מיר לייענען אין ישעיה מ"ב, 24: מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזים הלוא ד' זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך.."; ד"ה, ווער האט דען ערלויבט אז מ'זאל יעקב פלינדערן און ישראל רויבען, ווען נישט גאט ב"ה אליין צו וועם מיר האבען געזינדיגט, און נישט געוואלט געהן אין זיינע וועגען.

גאט ב"ה האט אבער רחמנות אפילו ווען ער זיצט ביים דין. ער האט נעמליך אויפגעעפענט א נייע טיהר פאר זיין פארפאלגטען "עם סגולה". די אפענע טיהר איז געווען "אמעריקא", וואו מ'האט אידען אויפגענומען ברחבת ידים, מ'האט זיי געגעבען גלייכע רעכטע אין אזא מאס אז זיי האבען געקאנט צופיהרען זייערע הענד אונד זיך ארויפארבייטען אין אלע הינזיכטען.

וואס זעהען מיר אבער איצט? באשרענקונג פאר איינוואנדערונג. אן אלגעמיינע שטילביסענדע שנאה צום איד, און אין מאנכע אינסטאנצעס צייגט זיך די שנאה בולט, אפען און פריי ארויס.

דער עקסטרעמער קאנאנען שאס פון אידענפיינדשאפט דא אין אמעריקא, האט זיך אזוי שטארק געלאזט הערען אז עס האט אבגעקלונגען אין דער גאנצער וועלט. אמעריקאנער הוליגאנעס האבען זיך אריינגעכאפט אין א שוהל דא אין ברוקלין צום סאמע סדר נאכט און האבען פון דארט ארויס געשלעפט א ספר תורה צו א לערען פלאץ נעבען דער שוהל, און האבען עס דארט פארברענט. אט דיעזער קאנאנען־שוס האט גערעדט מיט קלינגענדיגע קולות, לאמור: אידען מיר האבען אייך פיינד!

דא נישט לאנג צוריק האט דר. רובינאוו אויף א קאנפערענץ אין פילאדעלפיא, באוויזען מיט פאקטען, אז אידען אין אמעריקא ווערען היינט־צו־טאג אויסגעשלאסען פון קאמערציעלען באדען, מ'וויל נישט געבען קיין שטעלע דעם איד. סיי אין אינדוסטריעלען און סיי אין קאמערציעלען געביעט. אפילו די קליין הענדלער ווי אויך די מיטעל באשעפטיגטע אידען זענען אין געפאהר אז די דיסקרימנאציע זאל זיי באגעגענען אומעטום. דאס האט געזאגט דר. רובינאוו, דער פיהרער פון סאשעל סוירוויס.

אויב עס זאל חלילה טאקע אזוי שלעכט ווערען ווי עס צייגט זיך איצט ארויס, וואוהין וועלען מיר אידען פון דאנען געהען? וואוהין וועלען מיר געהן?

דיעזע אידישע לאגע עראינערט אונז פון אן אינסטרומענט מיט וועלכען די שפאנישע אינקוויזיציע האט זיך אמאל באנוצט. דאס איז געווען אין פורם פון א הויכען קאסטען—אין וועלכען מען האט איינגעשלאסען אינווענינג די פערזאן וועלכע די אינקוויזיציאן איז באפאלען; לכתחילה האט עס אזוי אויסגעזעהן ווי א היבש צימער, אבער פלוצים האט די פערזאן אנגעהויבען צו באמערקען אז די ווענט פון יענעם צימער דערנעהנטערן זיך פון אלע זייטען ארום איהם, מיט די שארפע צוועקעס ארויסשטעקענדיג פון די ווענט נעהנטער און נעהנטער צו איהם, ביז זיי האבען זיך שטארק צוגעקוועטשט צו די פערזאן און זיך אריינגעשטעקט אין זיין קערפער.

עפעס אזוי זעהט אויס דיעזע גרויסע וועלט ארום דעם איד, דראהענדיג דאס אידישע פאלק מיט איהרע פורכטבארע גרויזאמקייטען. וואס זאלען מיר אידען טהון? נור איין אנטווארט איז פאראן צו דיעזער ברענענדיגער פראגע, און דאס איז וואס גאט זאגט אין זכריה א', 3: "שובו אלי ואשיב אליכם". ד"ה, באקעהרט אייך אידען צו מיר, וועל איך מיך קעהרען צו אייך.

לאמיר זיך—אידען—באקעהרען צו גאט און מיט עניוות באקענען אז מיר האבען זיך שווער פארזינדיגט געגען גאט ב"ה, מיט דעם וואס מיר האבען פארווארפען דעם בן אלהים אונזער היילינען משיח ווען ער איז געקומען פאר 1900 יאהר צוריק נאך ירושלים, אזוי ווי עס הייסט אין ויקרא כ"ו, מ: "והתודו את עונם ואת עון אבותם". ד"ה, זיי וועלען באקענען זייערע זינד און די זינד פון זייערע עלטערן.

גאט וויל אז מיר אידען זאלען באקענען עפעס אזא

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XIV. No. 11-12 — רעוו. לעאפאלד קאהן, עריטאר — JULY — AUGUST, 1932.


## "חזון ישעיהו"

איך געדענק נאך גוט דעם טעם פון די דריי וואכען, פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, איידער איך בין געווארען א גלויביגער אין ישוע המשיח; יענע דריי וואכען זיינען ביי מיר געווען די שרעקליכסטע פון גאנצען יאהר. וואסארא טרויער איז געלעגען אין מיין הערץ; אזוי ווי א שווארצע פינסטערע כמארע האבען זיך יענע טעג צוגע־טשעפעט צו מיין נשמה, זיי האבען פארדעקט דאס ליכט פון דער זון, זיי האבען געדרוקט מיין גייסט און פארביטערט מיין נשמה.

וועט איהר דאך אודאי פרעגען, פארוואס און פארוועז? די אנטווארט איז — צוויי אורזאכען. איין אורזאך איז געווען, ווייל יענע טעג האבען מיך ערינערט — מעהר אלס דורכ'ן גאנצען יאהר — וועגען חורבן בית המקדש. און וועלכער איד וואס איז אמת'דיג פרום, און נישט אן אבגענארטער איד, וועט דאס נישט פיהלען א שטאך אין זיין נשמה ווען ער דענקט און טראכט וואס עס האט זיך אבגעטון וועהרענד דעם חורבן בית המקדש.

האבען דען נישט אונזערע עלטערן געמאכט אן ערענסטע שבועה "אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני". ד"ה, ווען איך וועל דיך ירושלים אמאל פארגעסען זאל מיין רעכטע האנד מיך פארגעסען. אט דאס האט געשטורעמט אין מיין אינערן ווען ווען די דריי וואכען זענען אנגעקומען.

די צווייטע אורזאך איז געוועזען, דאס אנקומען פון שבת חזון ווען מען לייענט אין דער הפטורה דאס ערשטע קאפיטעל פון ישעיה וואס הויבט זיך אן מיט די ווערטער "חזון ישעיהו", און וועגען דעם הייסט אויך יענער שבת אין וועלכען מ'לייענט דיעזע הפטורה, שבת חזון.

יענע ווערטער פון ישעיה זענען געווען צו מיר ווי דונער און בליצען. איך האב געלייענט אין יענע ווערטער דעם שרעקליכען צארן, דעם חרון אף ד' איבער ישראל'ס זינד. הערט אייך צו אדרבא צו יענע ווערטער און וואס וועט איהר דערצו זאגען? אין פסוק ב' לעזען מיר דארט אין יענעם קאפיטעל:

"בנים גדלתי ורוממתי והם פשעו בי", ד"ה, איך האב קינדער אויפגעצויגען און דערהייכט און זיי האבען קעגען מיר מורד געווען. און אין פסוק ג' לעזען מיר:

"ידע שור קנהו וחמור אבוס בעליו ישראל לא ידע . . ". ד"ה, איין אקס קענט זיין קויפער און דער אייזעל די קארעטע פון זיין האר אבער ישראל קאן מיך נישט . .

דא רעדט גאט און זאגט, אז ישראל האט נישט אזויפיעל ווינסענשאפט וויפיעל אן אקס האט אדער ווי א פשוט'ער אייזעל. געוואלט, ווען אימיצער פון מיינע ברידער וואלט דאס מיר דאמאלס געווען געזאגט אז איך בין ערגער פון אן אקס אדער פון אן עזעל, איך וואלט איהם אודאי נישט מקנה געווען, יהיה מי שיהיה. אבער ליעבער לעזער, הערט אייך געדולדיג צו, דער גאט פון ישראל רעדט דאס אזאלכע דבורים צו זיין פאלק ישראל, א פאלק וועלכעס ער האט אויסדערוועהלט, א פאלק וועלכעס ער האט אזוי שטארק געליעבט אז ער האט פאר זיי אויסגע־הרג'עט אזויפיעל גוים כדי דאס פאלק צו באזעצען אין הייליגען לאנד, צו דיעזען פאלק האט דאס גאט געאייסערט אט דיעזע ווערטער! דאס איז אבער נאך נישט אלעס. מיר לייענען אין פסוק ד':—

"הוי גוי חטא עם כבד עון זרע מרעים בנים משחיתים . . ." ד"ה אוי וויי, דאס איז א זינדיג פאלק, א פאלק שווער בעלאדענט מיט זינד, שלעכטע קינדער, פארדארבענע קינדער . . ."

ווי געפעלט אייך אט דיעזע שניידענדיגע ווערטער פון ליעבען גאט וואס האט בוחר געווען זיין פאלק ישראל באהבה? קאנט איהר דאס בעגרייפען? אבער הערט ווייטער וואס מיר לייענען אין פסוק ו':

"מכף רגל ועד ראש אין בו מתם . ." ד"ה, פון די פיס ביז צום קאפ איז קיין גאנצקייט פאראנען. אט האט איהר אן אבשאצונג וואס גאט מאכט איבער דעם ווערטה פון א איד. דער גאנצער קערפער האט נישט א שטיקעל שטח אין זיך אז עס זאל עפעס ווערטה זיין, אזוי ווי ער זאגט ווייטער:—

"פצע וחבורה ומכה טריה", ד"ה, נור וואונדען און ביילען און מכות מיט אייטער.

נון האבען דען אידען דאמאלס אין די טעג פון ישעיה הנביא נישט געדאבענט? האבען זיי דען נישט געהאלטען שבת? האבען זיי דען נישט גע־האלטען פון פסח, שבועות און סוכות? וואס הייסט דאס עפעס אז עס איז נישט דא א גאנץ שטיקעל ארט אין גאנצען אידישען קערפער? דרויף ענט־פערט גאט אין פסוק י"ג:—

"חדש ושבת קרא מקרא לא אוכל און ועצרה". ד"ה, ראש חודש און שבת וואס איהר רופט א פער־זאמלונג דאס קאן איך נישט ליידען, אזא פערזאמלונג איז נאר א זינד. און ווייטער אין פסוק י"ד לעזען מיר:—

"חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי, היו עלי לטרח". ד"ה, אייערע ראשי חדשים און ימים טובים האב איך פיינד, זיי זענען צו מיר א לאסט, איך בין מיהד זיי צו דערטראגען.

דאס הייסט, ווען אידען האלטען יום טוב און פרייען זיך אזוי שטארק, זיי עסען און טרינקען, "בשר ודגים וכל מטעמים", זאגט גאט אז ער האסט דאס און מיט דעם לעגט מען ארויף אויף זיינע פלייצעס ("כביכול") א טרחה, א שווערע משא פאר איהם צו טראגען.

אבער דאס ערגסטע פון אלעס וואס האט מיר אזוי געשטאכען מיין הערץ און מיין נשמה אין יענע דריי וואכען דענקענדיג פון דעם "חזון ישעיהו" איז געווען פסוק ט"ו, וואו מיר לייענען:—

"גם כי תרבו תפלה אינני שמע ידיכם דמים מלאו". ד"ה, אפילו איהר וועט אסאך בעטען וועל איך אייך נישט צוהערען, אייערע הענד זענען פול מיט בלוט.

קאנט איהר אייך פארשטעלען ווי דאס האט מיך געקוועהלט און געמאטערט, סטייטש, דער אל מלא רחמים, דער אוהב ישראל, ער וועט גאר נישט צו־הערען דאס געבעט פון זיין געליעבטען פאלק ישראל! און ווי עס איז געווען מיין מנהג, אבצורעכטען חצות, צו זיצען אויף דער פאדלאגע, קרעכצען, וויינען און שרייען געוואלד, ביים זאגען דעם "על נהרות בבל", און נאך דעם אלעם—האב איך מיר געקלעהרט— וויל גאט נישט צוהערען דאס געבעט און דאס געוויין פון איד?

אט די צוויי אורזאכען האבען געקוועטשט און געדרוקט מיין נשמה. עס האט מיר קיין שלום נעגעבען ביז עס האט זיך מיר געטראפען א נס מן השמים. גאט האט אויף מיר רחמנות געהאט און ער האט מיר געגעבען דעם זין און די ווילינקייט אנצונעמען דאס קרבן המשיח וועלכער האט זיין בלוט פארגאסען פאר מיינע זינד און פאר די זינד פון יעדען וואס וויל נור אין איהם גלויבן אלס דעם גואל צדק וועלכער וועט באלד צוריק קומען צו זיין דער מלך על כל הארץ.


Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927
Published Monthly, except bi-monthly during July and August, by the American Board of Missions to the Jews. 27 Throop Ave., Brooklyn. N.Y.